## פֿון דער רעדאַקציע

# דער מיטאָס אַחדות

פֿאַראַן היינט ווייניק ייִדישע בלעטער, אָפּגעשוואַכטע. און פֿאָרט — אַזוי ווי אַ נוטה-למות ווערט נישט געמשפּעט פֿאַרן בית-דין-של-מעלה מיט קיין פֿאַרמינערטער שטרענגקייט, פּונקט אויף אַזעלכן אומפּשרותדיקן אופֿן דאַרף מען מאָנען ביי אונדזערע צייטשריפֿטן געזונטע קעפּ און שׂכלדיקע מיינונגען.

מע דאַרף זיך בכן אָפּשטעלן אויף גאָר אַ פֿאַרדריסלעכן טעות, וואָס חזרט זיך איבער אָבער און ווידער אַ מאָל אויף די שפּאַלטן פֿון אונדזערע פֿאַרבליבענע טריבונעס.

ס'גייט אין דער אָנגייענדיקער קאָנטראָווערסיע אין ישׂראל איבער די גיור-געזעצן, און בכּלל דער אָנגעווייטיקטער שאלה, "ווער איז אַ ייִדי?" ס'איז דאָ אין דעם פּרט אַ מיינונג אַ ווייט-פֿאַרשפּרייטע, אַ פֿאַלשע, און אַ פֿאַראיינפֿאַכנדיקע: אַז נאָר דער אָרטאָדאָקסישער מחנה געהערט די באַצייכענונג "פֿרומקייט," און אַז די קאָנסערוואַטיווער און רעפֿאָרם-ייִדן מעג מען ביידן פֿאַרמישן ווי קאַשע מיט באָרשט.

ס'איז גרינג צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס די רעדאַקטאָרן פֿון אַ צאָל ייִדישע צייטשריפֿן זאָלן אַזוי פֿאַרקוקן די חילוקים צווישן די פֿאַרשיידענע באַוועגונגען. ערשטנס איז פּשוטער אַזוי: איין צד, די פֿרומע; דער צד-שכּנגד, די פֿריי. מ'איז פֿריי נאָר מע דאַרף האָבן דרך-ארץ צו די פֿרומע. און אַזוי ווייטער— דערמיט קען מען פּטור ווערן פֿון דער גאַנצער פֿאַרפּלאָנטערטער דיסקוסיע, וואָס איז סיי ווי אַ ישׂראל-ענין. והשנית, אַזאַ מיינונג קען מען גרינגער צופּאַסן צו אַ וועלטבאַנעם, וואָס איז אויסגעפֿאָרמירט געוואָרן אין מזרח-אייראָפּע—און אין וועמענס גערעם עס האָבן די היינטיקע באַוועגונגען-אַמפּערנישן אַ גאַנץ מאָדנע פּנים. פֿון אַזאַ קוקווינקל איז אייגנטלעך שווער צו באַנעמען, פֿאַר וואָס די "וועלטעלכע" (אייגנטלעך די קאָנסערוואַטיווער און רעפֿאָרם-ייִדן) ווילן זיך פֿאַרמעסטן מיט די "פֿרומע" (דער פֿאַלשער טייטש פֿון "אָרטאָדאָקסן") אויפֿן פֿעלד פֿון גיורים, חתונות, און אַנדערע הלכהשע ענינים. אויב מ'איז פֿריי, איז מען פֿריי, און שוין. מע קען זיך אַמאָל לאָזן פֿונאַנדערגיין מיט די "פֿרומע" איבער פֿילאָסאָפֿישע גמרא-מחלקתן, נאָר וועגן דער טאָגטעגלעכער הלכה איז נישטאָ קיין רייד וועגן חילוקי-דעותן אויב מע רעכנט זיך שוין צווישן די פֿרומע.

אָבער אַזאַ צוגאַנג, ווי שוין געזאָגט, איז דורכויס אַ פֿאַלשער. פֿרומע ייִדן—וואָס הייסט? די, וואָס מע פֿלעג אָנרופֿן ערלעכע ייִדן, וואָס פֿירן זיך לויט די צוויי עיקרים פֿון הלכה און חסד—געפֿינען זיך אין אַלע הויפּט-שיטות פֿון ייִדישקייט, צווישן רעפֿאָרמער, קאָנסערוואַטיווער, מאָדערנע אָרטאָדאָקסן, אַגודה-ייִדן, חסידים, מתנגדים. קיין עדה געהערט נישט קיין מאָנאָפּאָליע אויף פֿרומקייט. און אַזוי מיט פֿילאָסאָפֿישע קאָרעקטקייט: בײַ יעדער הויפּט-שיטה איז דאָ אַ גוט אַנטוויקלטע באַרעכטיגונג פֿון אירע פֿירונגען. די אָרטאָדאָקסן האַלטן מערסטנס מיט אַ שטרענגערן צוגאַנג צו דער הלכה איידער די קאָנסערוואַטיווער אָדער די רעפֿאָרמער — אמת. דאָס איז אָבער נאָר אַן ע ר ש ט ע ר צוגאַנג צו אַ גענוגנדיקער באַשרײַבונג פֿון די דרײַ שיטות, ווײַל די אונטערשיידן זײַנען טיף, טיף, און זײַנען זיך סומך אויף לאַנג-דויערנדיקע פֿילאָסאָפֿישע טראַדיציעס פֿון ייִדישקייט. ווער ס׳וויל פֿאַרשטיין (און באַשרײַבן אין אַרטיקלען) די דאָרטיקע לאַגע, מוז זיך פֿונאַנדערקלײַבן אין אַזעלכע אונטערשיידן, אָן זיך צו פֿאַרלאָזן אויף די בלויזע פּראָפּאַגאַנדירערײַען פֿון די רעכטע און לינקע.

די מעשׂה אין ישׂראל איז אָבער אַזוי: איינע אַ באַוועגונג, די חרידישע, האָט זיך דערלויבט (אָדער מע האָט זי בכּיוון דערלויבט נאָך בײַם וויגל פֿון מדינות-ישׂראל) צו נעמען די אַחיזה איבער אַלע הלכהשע ענינים, אייגנטלעך איבער אַלע רעליגיעזע ענינים. זיי ווילן פֿאַרשרײַען זייער קעגנער, און דערמיט אײַנרעדן דער וועלט אַז די הלכהשע ייִדישקייט קען זײַן — דאַרף זײַן — אַן איינפֿאַכע, איין-דימענסיעדיקע זאַך.

וואָס זשע דרינגט אָבער אַרויס פֿון דעם אמת, וואָס קיין באַוועגונג טאָר זיך נישט באַצייכענען פֿאַר דער ״אמתער ייִדישקייט״? צום ווייניקסטנס צוויי זאַכן. ערשטנס, דאַרף מען אויפֿפֿירן אַן עפֿנטלעכע דיסקוסיע וועגן אַזאַ פֿילפֿאַכיקער ייִדישקייט, דאָס הייסט אין כלל-ישׂראל, צווישן אַלע אַמעריקאַנער, ישׂראלדיקע, אייראָפּעיִשע, און ״אומעטומיקע״ ייִדן. היסטאָריקער דאַרפֿן מודיעה ומכריז זײַן, אַז דער ייִדישער פּלוראַליזם איז בײַ אונדז אַ שטענדיקער פֿענאָמען. פּאָליטיקער און ישׂראלים דאַרפֿן זיך מודה זײַן, אַז די פּאָליטישע מאָנאָפּאָליע פֿון די חרידים איז נישט קיין סימן פֿון קיין מאָנאָפּאָליע אין הילכות ייִדישקייט — דאָס פֿירט אויך צום אומבאַקוועמלעכן פֿאַקט, אַז אפֿילו חילונים טאָרן למען-השם נישט פּטור ווערן פֿון דער דאָזיקער דיסקוסיע וועגן ייִדישקייט, אויב זיי ווילן פֿאַרזיכערן אַן אָרנטלעכע מדינה-עקזיסטענץ. מיר אין לאַנד, ד״ה אַמעריקאַנער, דאַרפֿן דערקלערן ישׂראלים די הויפּט-אונטערשיידן צווישן די הײַנטיקע שיטות ייִדישקייט.

און דערעיקר: מיר אַמעריקאַנער יידן דאַרפֿן זיך אויך אומקוקן און נעמען קאָמוניקירן: חסידים און מתנגדים, רעפֿאָרמער און אָרטאָדאָקסן מוזן אַלע נאָכגיין די טריט פֿון אַזעלכע מוטיקע פֿירער ווי הרבֿ ייִץ גרינבערג און זײַן כּלל-פֿונדאַציע.

בײַם אַנטקעגנשטעלן זיך אַקעגן אונדזער שׂונאים—אַוודאי דאַרפֿן מיר אַחדות. אָבער בײַ זיך אין דער היים דאַרף מען נישט בענקען נאָך אַחדות — ד אָ ס איז אייגנטלעך אַ פֿאַלשער ציל וואָס פּרעטענדירט צו צעשמירן די גרענעצן צווישן גלײַך-באַרעכטיקטע אידעאָלאָגיעס. איז אויף וואָס פֿאַראַ פֿונדאַמענט באַזירט זיך דער כּלל, אויב ס׳איז נישטאָ קיין מאָנאָפּאָליע אויפֿן אמת? אויפֿן קעגנזײַטיקן דרך-ארץ, אויפֿן אָנגענומענער תּורה, אויפֿן ווײַטערדיקן חיובֿ ווידער אַרומצורעדן אונדזער גורל אַלס פֿאָלק און לאַנד. קיין שום גרופּע, קיין שום רבֿ, ראַבײַ, אָדער קהל-טוער האָט נישט קיין מאָנאָפּאָליע אויף ד ע ם פֿעלד.